מאמען געקומען זאגן אז מ'האט געשאסן איר זון, איז עס געווען א בשורה טובה. איך ווייס נישט צי היינט א מאמע פריידט זיך אזוי, ווען מען זאגט אז איר זון האט געטוען א גוטן שידוך, אדער עפעס אן אנדערע גרויסע הצלחה! מ'האט געוואוסט אז ווען מ'האט אים געשאסן האט דאס געדויערט א רגע, מ'האט ארויסגענומען דעם ביקס און געשאסן, און דער מענטש איז שוין געווען בעולם העליון, ער איז שוין געווען אין גן עדן. זעהר אסאך האבן נישט זוכה געווען צו דעם, נאר ביז ס'איז געקומען צו די רגע פון יציאת נשמה האבן זיי מיטגעמאכט אזעלכע אוממענטשליכע בארבארישע מעטאדן, וואס איז אסאך ערגער רח"ל פון דעם עצם הריגה.

### ר' ברוכ'ל קאנענגיסער הי"ד

דער חשוב'ער רב האט דא פריער דערמאנט ר' **ברוכ'ל קאנענגיסער הי"ד**, מ'האט אים אומגעברענגט מיט די ווייב און אכט קינדער. דאס גיט זיך אזוי א זאג ארויס. די השפלה וואס מ'האט מיט זיי געטוען. מ'האט זיי ל"ע אויסגעטוען נאקעט, און געפירט איבער אלע גאסן אין באכניא, ביז ער איז צופיס ארויף אויף דער בית החיים, און דארט האט מען זיי געמאכט אליין גראבן זייערע קברים, און אויפ'ן גאנצן וועג זענען געשטאנען אונזערע שכנים, די פאלאקן, און געהאט אזא סאדיסטישע הנאה. זיי האבן נאכגעשריגן ניבול פה, נאכגעשריגן כל מיני בזיונות, און ר' ברוך האט גערעדט צו זיין ווייב און קינדער - ס'איז דא געווען אידן וואס האבן דאס געדענקט, וואס האבן געהערט די דברי חיזוק וואס ער האט זיי געזאגט, ווי אזוי ער האט גערעדט צו זיי, ווי אזוי ער האט זיי געגעבן צו פארשטיין אז זיי דארפן זיך נישט צו שעמען.

### הלא אדם קראו להקב"ה אדון קודם לאברהם?

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף ז:), רבי שמעון בר יוחאי זאגט, מיום שברא הקב"ה את העולם לא היה אדם שקראו להקדוש ברוך הוא אדון, פון בריאת העולם אן, האט קיינער נישט גערופן דעם באשעפער מיט'ן שם א-ד-נ-י, עד שבא אברהם ביים ברית בין הבתרים און האט געזאגט, א-ד-נ-י אלקים במה אדע כי אירשנה, דארט ווערט דאס ערשטע מאל דערמאנט דעם שם **א-ד-נ-י**. פרעגט אויף דעם דער פיאסעצנער רבי ר' ינקום דמו - ער אליין האט מיטגעמאכט יסורי איוב אין

ספר קובץ פרי עץ חיים הודפס מתוך אוצרות התורה, עמוד 586